# שטייטס אויף צו 'סליחות'!

## וואס איז די באדייט פון די פארשידענע מזמורים, פסוקים און פיוטים וואס מ'זאגט ביי סליחות? ספּציעל אויף ימי הסליחות!

## שאלה:

כ'וויל וויסן וואס איז די עבודה פון זאגן סליחות פונעם קומענדיגן זונטאג הבעל"ט, ביז יום כיפור. וואס בעטן מיר דארט, און וואס איז דעם ענין פון דעם? און וואס איז די באדייט פון די פארשידענע מזמורים, פסוקים און פיוטים וואס מ'זאגט ביי סליחות?

## תשובה:

די הגדרה אויף די עבודה איז אין קורצן: **בעטן רחמים, כדי צו מעורר זיין די רחמנות פון אויבערשטן.**

**פשט דערפון איז ווי פאלגנד:** ווען א איד זינדיגט רח"ל, טוט ער זיך דערמיט דערווייטערן פונעם אויבערשטן, ער איז פוגם אין זיין קשר מיטן אויבערשטן. לויט דעם, וויאזוי קען זיין אז איין טאג ווען ער באשליסט צו תשובה טון, קומט צוריק דער קשר פון זיך אליינס?! ער האט דאך אליינס רח"ל פוגם געווען אין די קשר! דער ענטפער איז: אין הכי נמי, לאגיש גערעדט איז נישטא קיין פלאץ פאר סליחה און מחילה, אבער מצד דעם אויבערשטנ'ס גרויס רחמנות, איז ער מתקן דאס וואס מיר האבן פוגם געווען און קאליע געמאכט, אזיווי דער פסוק זאגט: "**כרוב** רחמיך מחה פשעי" - ווייל נאר דורכ'ן מעורר זיין 'רחמים רבים' פון אויבן זענען מיר זוכה צו סליחה, און אויפצופרישן דעם קשר און אהבה פון אמאל.

**וואס איז דער עומק פון די 'רחמים רבים'?** דאס איז אן אומבאגרעניצטע שפע. א שפע וואס דער אויבערשטער איז משפיע פון א פלאץ וואס איז העכער פון די געווענליכע הנהגה וואס ער האט באשטימט אין די בריאה, און דערפאר קומט די שפע נאר פונעם אויבערשטן, וועלכער איז העכער פון יעדן גבול. ווייל אויב גייט מען לויט די סדר ווי דער וועלט איז אוועקגעשטעלט, קומט נישט אריין קיין סליחה. נאר וואס? דער אויבערשטער איז זיך מרחם אויף אונז, כאטש מיר זענען עס נישט ווערד לויט די מהלך הבריאה. "וחנותי את אשר אחון" - "אף על פי שאינו הגון ואינו כדאי". און די עצם זאך אז דער אויבערשטער טוט פון זיין גרויסע, ענדלאזע רחמנות זיך דערבארעמען אויף אונז, דאס אליינס טוט צוריק באנייען דעם קשר ווי פריער, און דאס איז די סליחה.

**וויאזוי קען א מענטש מעורר זיין אט די רחמים רבים?** ווען א מענטש ווייסט אז ס'קומט אים גארנישט, ער שפירט זיך אומבאהאלפן, און אויב וועט זיך דער אויבערשטער נישט דערבארעמען אויף אים איז ער פארלוירן, ער איז פולשטענדיג אנגעוויזן אויפן אויבערשטן, ער געבט זיך פולקאם איבער צום אויבערשטן, און ער גלייבט און האפט אז דער אויבערשטער וועט רחמנות האבן אויף אים - דאס איז מעורר אויף אים דער אויבערשטנ'ס גרויסן רחמנות, און ער איז סולח און מוחל, און מאכט אים צוריק ווי אמאל.

**אבער טאקע דערפאר איז דא איין תנאי איידער מ'איז מעורר רחמים, דאס איז: אנערקענען דעם אויבערשטנ'ס גדלות און רוממות.** און דאס איז צוליב צוויי סיבות: **צוערשט,** כדי מ'זאל וויסן וויפיל דער מענטש איז אומבאהאלפן און וויפיל ער דארף צוקומען צום אויבערשטן, וויפיל ער האט פוגם געווען אין די קשר מיט אזא גרויסער באשעפער, און אז לאגיש האט ער נישט קיין אנדערער וועג צוריק צו באנייען דעם קשר, נאר מיטן אויבערשטנ'ס רחמנות. **צווייטנס,** ווייל די השפעה פון רחמים קומט פונעם אויבערשטנ'ס גדלות און דערהויבנקייט אין וואס א מענטש האט נישט קיין אהנונג און אחיזה, און פון זיין גרויסע חסד און גוטסקייט צו משפיע זיין פארן שפלות'דיגער מענטש, און דערפאר, כדי צו זוכה זיין צו אט די רחמים, דארף מען צוערשט מכיר זיין אין זיין גרויסקייט.

און דאס איז דער ענין פון זאגן די 'י"ג מידות של רחמים', וועלכע זענען מגלה דעם אור פון גדלות און רוממות ה' און זענען מעורר זיין רחמנות, אזיווי דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ביים מגלה זיין די י"ג מידות: "כל זמן שישראל חוטאים, עשה לפני כסדר הזה ואני מוחל להם"!

## די סדר פון סליחות

**לויט דעם פארשטייען מיר די סדר פון סליחות** וואס ווערט געברענגט אין די פוסקים, וועלכע טיילן עס איין אין דריי: **שבחו של מקום** - ביי 'אשרי' און די נאכפאלגנדע פסוקים, **בקשת רחמים** - ביי די 'י"ג מידות של רחמים' און די פסוקים און פיוטים דערנאך, און די ענדע ביי **נפילת אפים**. אין אמת'ן לויפט דאס ממש לויטן סדר פון דאווענען, וואס הייבט זיך אן מיט 'שבחו של מקום' ביי פסוקי דזמרה, פארגעזעצט מיט 'בקשת רחמים' ביי שמונה עשרה, און ענדיגט זיך מיט נפילת אפים.

טאקע דערפאר איז דא איין תנאי איידער מ'איז מעורר רחמים, דאס איז: אנערקענען דעם אויבערשטנ'ס גדלות און רוממות

**די ביאור דערפון איז אזוי:** אויב 'שבחו של מקום' מיינט אנערקענען דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, איז ווי באקאנט דעם כלל אין פנימיות התורה, אז דאס מכיר זיין גדלות הבורא אויף די וועלט איז אויך מעורר אין הימל א גילוי אור פון גדלות הבורא (אזיווי די משל וואס ווערט געברענגט אין ספרים הק', אז פונקט ווי דאס אויסלויבן א חכם מיט זיין קלוגשאפט אדער א נדיב מיט זיין ברייט-הארציגקייט, טוט ביי אים ערוועקן א רצון צו מגלה זיין די מידה אויף נאך א גרעסערע פארנעם, אזוי אויך למעלה, דורכ'ן מכיר זיין גדלות הבורא דא למטה, איז מען מעורר דעם גילוי אור אויך למעלה). אזיווי דער קדושת לוי איז מסביר דאס וואס שטייט אין חז"ל: "לעולם יספר אדם בשבחו של מקום ואחר כך יתפלל", ווייל דורכדעם איז מען מעורר די שפע למעלה.

גלייכצייטיג איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די פסוקים וואס מיר זאגן דארט ברענגען אויך ארויס אונזער שפלות, ווייל ווי געזאגט, אין אזא צייט טוט א מענטש איינזען אז ער מוז צוקומען צום אויבערשטנ'ס רחמנות, און אז ער איז אינגאנצן אנגעוויזן אין אים.

**דערנאך גייען מיר ווייטער מיט 'בקשת רחמים'**, וואס איז הויפטזעכליך דאס זאגן די 'י"ג מידות של רחמים', וואס ווי גערעדט, דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אז אויב מאכט פאר אים לויט דעם סדר, וועט ער פארגעבן די עבירות, און ווי געזאגט, נאר מצד דעם אויבערשטנ'ס ענדלאזע רחמנות זענען מיר זוכה צו מחילה וסליחה, און צו צוריק באנייען די המשכה פונעם אויבערשטנ'ס אור אויף אונז.

אין צוגאב צו די 'י"ג מידות של רחמים' לייגן מיר צו **פסוקים און פיוטים.** צוריק גייענדיג צום שורש המנהג דערגייען מיר אז די מנהג איז אייגנטליך צו זאגן דווקא די פסוקים, ווייל די שפע און גילוי פון הימל מוז קומען דורך פסוקים פון די הייליגע תורה, וואס דאס טוט ארויסברענגען און מגלה זיין דעם אויבערשטנ'ס אור. פונדעסטוועגן לייגן מיר אויך צו מערערע פיוטים וואס זענען פארבינדן מיט די פסוקים, ווייל מיט די פיוטים טוען מיר באהעפטן אונזערע געפילן צו דאס וואס מיר זאגן ביי די פסוקים, און דערביי טוען מיר זיך מתחבר זיין צו די המשכת אור און רחמים וחסדים פון קומט אראפ פון הימל.

ס'איז כדאי צו אנצייכענען, אז צדיקים האבן שטארק מפליג געווען אין די עבודה פון 'בקשת רחמים', אזיווי ס'ווערט געברענגט אז דער בעש"ט הק' האט געזאגט אויף זיך, אז אויב וואלט געווען נאך איינער וואס זאל מעורר זיין רחמים ביי סליחות אזיווי ער, וואלט שוין געווען די גאולה שלימה! אזוי אויך זעען מיר די געוואלדיגע התעוררות און עבודה וואס די גרויסע צדיקים זי"ע און יבדלחט"א רעכטן אפ ביי סליחות. און צוליב דעם האבן זיך חסידים געפירט צו זיין ביים זייערע רבי'ס אין דער צייט.

דערנאך ענדיגט מען מיט 'נפילת אפים', וואס דאס איז א אויסדרוק פון זיך ארויף ווארפן אויפן אויבערשטן, מיר טוען זיך פולקאם אנהענגען אויף אים. דאס איז משלים די 'בקשת רחמים' און די המשכת אור וואס ווערט דורך די 'י"ג מידות של רחמים'.

## א ראש השנה'דיגע עבודה

יעצט, ביז אהער האבן מיר גערעדט אז די עבודה פון סליחות איז **א יום כיפור'דיגע עבודה**, ס'איז אן עבודה פון ממשיך זיין רחמים רבים און סליחה ומחילה - ענינים וואס האבן טאקע צו טון מיט אלול. אבער אין ספרים הק' ווערט ארומגערעדט, אז אום סליחות איז אויך דא **א ראש השנה'דיגע עבודה**, אן עבודה פון ממליך זיין דעם אויבערשטן, ערוועקן א רצון למעלה צו קעניגן אויף אונז און פריש באנייען זיין וועלט פארן קומענדיגן יאר הבעל"ט. ווי אין די ראשונים ווערט מבואר אז די ענין פון סליחות, איז צו מקדים זיין תחנונים פאר ראש השנה.

דער ענין ווערט מבואר אין תפארת שלמה, וואס ערקלערט דעם טעם פארוואס מ'הייבט אן מיטן זאגן סליחות דווקא זונטאג - מוצאי שבת, ווייל שבת קודש איז דאך די שורש פון די גאנצע בריאה (וואס ווערט צוריק נתחדש אום ראש השנה - דער טאג וואס דער מענטש איז באשאפן געווארן), און דאן ווערט נתעורר די גאנצע רצון אין כלל ישראל און דעם באשאפן אלע עולמות. דערפאר קומט מען דעמאלטס, זונטאג ווען די בריאה האט א התחדשות, און מיר זענען מעורר דעם רצון העליון אויף אונז. דאס טוען מיר דורך סליחות און בקשת רחמים, און מיטן דערמאנען די י"ג מידות של רחמים וואס גרייכט ביזן שורש הרצון. און דורכדעם וואס מיר זענען מעורר למעלה א רצון צו אונז, צו מולך זיין אויף אונז און מחדש זיין די בריאה פאר אונז, טוען מיר אויך מקיים זיין דערמיט די עבודה פון ראש השנה.

הפצת הגליון השבוע בעי"ת מאנסי
נתנדב ע"י ידידנו הרה"ח רבי יעקב יצחק אונגאר שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת

הדפסת הגליון השבוע
נתנדב ע"י ידידנו הרה"ח רבי זכריה ראזנבערג שליט"א
לרגל הולדת בנו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת

דימון | עיצוב ותדמית BRN

יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com

אין אידיש
גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

מעלות חסידות
קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385

צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:
אין מאנסי
347.452.3118
אין וויליאמסבורג
347.768.3577

צו פארשפרייטן אין נאך שטעט
רופט 347.452.3118

וזכות הרבים יהא תלוי ככם!

פרשת נצבים וילך תשפ"ג / גליון נ"ד

וויכטיגע מעלדונג
מערכת "קול דודי" באנייעט זיך מיט נייע נומבערן אין אמעריקע און אין אירופה
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אירופה
033.0551.7811
דא וועט איר קענען ממשיך זיין זיך צו דערקוויקן דאס הארץ, טאג טעגליך, מיט די זיסע לעבטיגע חסיד'ישע שמועסן

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# יום הדין אויפן 'קשר'

## איינמאל דו ווילסט זיך שוין מקשר זיין - ביסטו שוין מקושר! האסט שוין געוויינען דעם גרויסן דין פון ראש השנה! ווייל נישט די פעולות האבן דיר געפעלט ביז יעצט, נאר דאס הארץ און 'קשר געפיל'

ר' אליהו איז דער וועלכער האט זוכה געווען צו באקומען דעם העכסטן פאסטן אין די הייליגע מוסדות פון זיין רבי'ן שליט"א. נישט ווייל ער איז אזא דורכגעווייקטער חסיד פונעם רבי'ן - האט מען אים געגעבן דעם אמט - ווייל גראדע איז ר' אליהו דער לעצטער אויף וועמען מען קען זאגן אזא אויסדרוק, ער איז ווייט פון זיין א דורכגעווייקטער חסיד, פארקערט, ער איז א גאנץ קנאפער חסיד, ער האלט זיך קאלט און דערווייטערט פונעם רבי'ן זעלבסט און פון זיין הייליגן אור. די סיבה פארוואס ער האט באקומען דעם פאסטן איז בלויז צוליב זיינע געבענטשטע כשרונות און צוליב זיין געטריישאפט פאר זיינע בעלי בתים.

אלס ארבעטער איז ר' אליהו געווארן זייער נאנט מיטן רבי'ן, ער האט זיך אינגאנצן אוועקגעגעבן פאר זיין דזשאב, ער האט אויסגעפאלגט אלץ וואס דער רבי האט געוואלט און אויסגעפירט זיין וואונטש אויפן בעסטן אופן. ביי יעדע שאלה וואס האט זיך נאר געמאכט, איז ר' אליהו אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה, און זיך דורכגעשמועסט און זיך באראטן מיטן רבי'ן, אזוי ווייט, אז ער איז ממש געווארן דארט ווי א בן בית.

אבער דאס אלעס האט גארנישט אנגערירט זיין הארץ צו ווערן א צוגעבינדענער 'חסיד', זיין חסידות איז געבליבן פונקט ווי פריער - אן קיין התקשרות און אהבה צום רבי'ן, און זיין התקשרות איז באשטאנען בלויז פון א געטרייער ארבעטער צו זיין בעל הבית, וועלכער ארבעט פלייסיג און איבערגעגעבן, און פארדינט זיך ערליך זיין געהאלט. אבער מיט רוחניות האט דאס גארנישט קיין שייכות. אוי, אזא שאד!

ווייזט אויס, אז זכות אבות האט מגין געווען, און איין טאג האט עס אים געכאפט! ערגעצוואו האט ר' אליהו אנגעהויבן שפירן די ליכטיגקייט פונעם רבי'ן און איז געווארן צוגעצויגן צו זיין אור. ר' אליהו האט באשלאסן אז ער וויל ווערן 'מקושר' צום רבי'ן. און דא האט זיך ארויסגעשטעלט די מעלה פון זיין נאנטקייט וואס ער האט שוין לאנג צום רבי'ן, אז אין דער מינוט וואס ער וויל ווערן מקושר צום רבי'ן, דארף ער נישט טון קיין שום פעולה, ער דארף זיך בלויז מקשר זיין - און ער איז מקושר!

אין אנדערע ווערטער: אלע פעולות פון התקשרות וואס א חסיד טוט; ווי קוקן אויפן רבי'ן, זיך דרייען נעבן דעם רבי'ן וכדומה - דאס אלעס טוט דאך שוין ר' אליהו פונלאנג, נאר ביז היינט האט ער דאס געטון מיט א טרוקנקייט און עס איז נישט געליגן דערין קיין נשמה פון קשר, אבער איינמאל ער זוכט דעם אינערליכן קשר און וויל ווערן מקושר צום רבי'ן, ווערן אלע זיינע אמאליגע פעולות איבערגעדרייט צו דרכים פון התקשרות! ער איז שוין אויפן פלאץ מקושר!

## וועלן מיר זוכה זיין צו נאך א יאר פון 'אלקי ישראל'?

דער עיקר דין פון ראש השנה דרייט זיך ארום אויפן גרויסן דיון איבער דעם קשר צווישן אידן מיטן אויבערשטן (און אלע אנדערע זאכן וואס מען איז דן, איז בלויז א רעזולטאט וועלכע קומט ארויס פון דעם דין). און אזוי זענען אלע ספרים הקדושים מסביר; ווי עס שטייט אין 'עבודת ישראל' מיט זיין הייליג לשון: "**מַלְאֲכֵי הַקִּטְרוּג מִתְעוֹרְרִים בְּכָל שָׁנָה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה מֵאַחַר שֶׁיִּשְׂרָאֵל לֹא הֵטִיבוּ דַּרְכֵיהֶם וּמַעַלְלֵיהֶם אֶל ה', אִם כֵּן לֹא תִתְנַהֵג מִדָּה בְּמִדָּה וח"ו לֹא תִקָּרֵא 'אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל'. הִנֵּה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמַטָּה מִתְעַנִּין וּמַתְרִיעִין לְמַטָּה בְּקוֹל שׁוֹפָר, וּמְקַבְּלִים עֲלֵיהֶם עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּתְשׁוּבָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים, עַד אֲשֶׁר מִתְעוֹרְרִים חַסְדֵי הַשֵּׁי"ת לְהוֹצִיא כָּאוֹר צִדְקָם, וּמַרְאֶה זְכוּתָם לִפְנֵי מַלְאֲכֵי מָרוֹם וּמַצְדִּיקָם בְּמִשְׁפָּט, דְּהַיְנוּ עַד שֶׁכֻּלָּם מוֹדִים כִּי הוּא אֱלֹקֵינוּ וַאֲנַחְנוּ יִשְׂרָאֵל עַמּוֹ, וְכֵן נָכוֹן לִהְיוֹת לְעוֹלָם**".

קומט אויס: דער עיקר דין דרייט זיך איבער דעם, צי דער אויבערשטער זאל ווערן אנגערופן 'אלקי ישראל' אדער נישט. צי עס איז טאקע א פאקט אז: "הוא אלקינו ואנחנו ישראל עמו", אדער נישט. דער דין איז אויפן 'קשר', צי וועלן מיר זיך פארדינען נאך א יאר פון קשר מיטן אויבערשטן, אדער חס ושלום נישט. און דערפאר איז דער משפט אזוי שרעקעדיג און גורל'דיג.

אין אנדערע ווערטער: עס קען זיין, אז דו וועסט אפילו זוכה זיין צו ווערן פארשריבן צו א גוט יאר פון אלעם גוטן און מיט געוואלדיגע השפעות, אבער אויב וועט דאס נישט צוגיין אויף אן אופן פון "הוא אלקינו ואנחנו ישראל עמו", אויף אן אופן וואס דו ביסט מחובר צום אויבערשטן, קומסטו פאר ווי דער ר' אליהו וועלכער זעט זיך און האנדלט יעדן טאג מיט זיין רבי'ן אן א שיעור מאל, אבער ער איז נישט מקושר צו אים. די זעלבע זאך ביי דיר: דו שטייסט נעבן די ליכטיגקייט, דו רעדסט צום אויבערשטן, אבער דו ביסט נישט באהאפטן צו אים זעלבסט! דו ביסט נאר פארנומען צו באקומען פון אים דיינע געברויכן, אבער קיין התקשרות צו אים - פארמאגסטו נישט. אוי, אזא שאד!

## 'כתיבה וחתימה טובה' - ביים מענטש אין זיין קאפ

פון צווייטן זייט ליגט דא א פריידיגע בשורה: אויב איז טאקע דער גאנצער דין בלויז אויפן 'קשר', וויפיל און וויאזוי דער קשר מיטן אויבערשטן זאל זיין אינעם קומענדיגן יאר, נו, איז דאך פארהאן א פשוט'ע עצה: זיך מקשר זיין! ווייל איינמאל דו ווילסט זיך שוין מקשר זיין צום אויבערשטן - ביסטו שוין מקושר! און דו האסט שוין געווינען דעם גרויסן דין פון ראש השנה! ווייל נישט די

> **איין טאג האט עס אים געכאפט! ערגעצוואו האט ר' אליהו אנגעהויבן שפירן די ליכטיגקייט פונעם רבי'ן און איז געווארן צוגעצויגן צו זיין אור**

פעולות האבן דיר געפעלט ביז יעצט, דו ביסט דאך פול מיט מצוות וואס דו טוסט יעדן איינציגסטן טאג, נאר דאס הארץ און 'קשר געפיל' - אט דאס האט געפעלט, דער רצון צו ווען אז די פעולות וואס דו טוסט סייווי יעדן טאג - זאלן דיר מקשר זיין צום אור ה'. און אויב אזוי, דארף מען בלויז טוישן אט דעם מהלך המחשבה, און באלד דערויף איז מען שוין מקושר - 'לאלתר לחיים'.

און אזוי ברענגט דער הייליגער 'עבודת ישראל' פון זיין רבי'ן דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע: "**וּכְבָר יָדוּעַ דִּבְרֵי אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ הַגָּאוֹן מוֹרֵנוּ הָרַב דֹּב בֶּער זצ"ל כִּי הַכְּתִיבָה לְחַיִּים בַּסֵּפֶר, פֵּרוּשׁוֹ הַחֲקִיקָה בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ שֶׁל אָדָם. כִּי הָרָשָׁע בְּזוֹכְרוֹ אֶת עֲוֹנוֹתָיו וְנִפְחַד וְנִרְעַד וְאֵין לִבּוֹ בִּרְשׁוּתוֹ לָשׁוּב אֶל ה', הֲרֵי זֶה נִכְתַּב לְאַלְתֵּר לְמִיתָה. מַה שֶּׁאֵין כֵּן הַצַּדִּיקִים, הַגַּם שֶׁהֵם זוֹחֲלִים וְרוֹעֲדִים מֵאֵימַת הַשֵּׁי"ת הֵם בּוֹטְחִים בִּישׁוּעָתוֹ וַחֲסָדוֹ וּמִתְחַזְּקִים לָשׁוּב אֶל ה' וְהֵם נִכְתָּבִים לְאַלְתֵּר לְחַיִּים, וְחָקוּק בְּמַחֲשַׁבְתָּם הַכְּתִיבָה לְטוֹבָה**". (זעה אויך אין 'יושר דברי אמת' אות נד: "וזהו ענין הכתיבה, שרוצה לומר הרושם שנרשם בנפש הדביקות האלקית והתקרבות הנפש בו").

שטענדיג ווען מיר האבן געהערט איבער דעם ענין פון 'כתיבה וחתימה טובה', האבן מיר געמיינט אז דאס

המשך אין עמוד ב

דער גליון האט דיר דערלויכטן? יעצט איז די געלעגנהייט צו באלייכטן נאך א יוד
**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג
אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט: 347.452.3118
תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483

# הכנה צום יום הדין

## 'הכנה' מיינט לערנען און וויסן וואס פאסירט אין דעם טאג, אדער 'זיין גרייט'? • וואס איז די מהות פון ראש השנה: א טאג פון דין, פון התקרבות אדער פון המלכה? וויאזוי גייען די אלע צוזאמען?

**אברהם יצחק:** א גוטע נאכט. צום ערשט מוז איך זאגן פארן משפיע, אז אונזער שמועסן וואס מיר האלטן אפ יעדן וואך זענען מיר ווי לופט צום אטעמען, ס'איז ממש מחזק, און דאס אליינס אז איך ווייס אז איך גיי נאך אויסשמועסן די זאך מיטן משפיע בארואיגט מיר שוין, א יישר כח דערפאר!

**משפיע:** א יישר כח פאר דיר... כ'מיין אז היינט דארף איך דיר נישט פרעגן איבער וואס מיר זאלן רעדן, ס'איז דאך "זוחלים ורועדים מיום בואך"...

**אברהם יצחק:** אמת, מיר האלטן שוין פאר 'שבת סליחות', די שאלה איז נאר, וויאזוי גרייט מען זיך צו? וואס איז אונזער עבודה אין אזא שבת?

**משפיע:** כ'מיין אז צוערשט זאלן מיר רעדן איבער די כלליות'דיגע עבודה פון די טעג. ס'קומט דאך א יום הדין, ביסט שוין גרייט דערצו?

> **אונזער אלטע חיות וואס איז געווארן פארגרעבט און מגושם גייט אוועק פון אונז, און מיר באקומען א נייע חיות פון דביקות אינעם אויבערשטן**

**אברהם יצחק:** ווער קען זאגן אז ער איז גרייט? איך טו אלץ וואס איך קען זיך אנצוגרייטן דערויף, מ'קוקט אריין אין ספרים, מ'פרעגט זיך נאך צו פארשטיין וואס 'ראש השנה' באדייט...

### זיך גרייטן, אדער וויסן דעם פלאן?

**משפיע:** איך פארשטיי אז די מושג 'הכנה' טייטשט זיך ביי דיר אויס, צו זיין קלאר וואס דער יו"ט באדייט, פארשטיין די מהות און מטרה פון די ימים נוראים. אבער אין אמת'ן, כאטש איך מאך עס נישט אוועק, איז פארט וויכטיג צו וויסן אז דאס איז נישט פשט פון 'זיך גרייטן', כ'וואלט עס אנגערופן 'אויספלאנירן' אדער 'מאכן סדר אין קאפ' איבערן יו"ט...

איך מיין ארויסצוברענגען, אז מ'דארף 'זיין גרייט', דאס הייסט, נישט נאר וויסן וואו אהין מיר גייען אנקומען, נאר זיין גרייט צו די טעג. למשל, ווען איינער גרייט זיך צו פארן קיין אויסלאנד, און ער זאגט אז ער איז גרייט צו די רייזע, און פלוצלונג ווערט ער געוואויר אז ער האט נאכנישט די מינימאלע צוגעהערן וואס מ'דארף האבן צום פארן, ער האט נאכנישט קיין טיקעט, קיין פאספארט, געפאקטע רענצלעך... און ווען מ'פרעגט אים פארוואס האלט ער אז ער איז גרייט? ערקלערט ער אז ער ווייסט פונקט וואו ער גייט פארן, ער ווייסט אפילו וויאזוי אן עראפלאן פונקציאנירט, ער ווייסט אויך פארוואס ער פארט... פארשטייט זיך אז דאס אלץ איז נאר די 'פלאן' פון זיין רייזע, ס'איז טאקע זייער וויכטיג צו וויסן וואו און פארוואס ער פארט, אבער ווילאנג ער טוט זיך נישט פשוט צורישן צו זיין 'גרייט' צום פארן, וועט ער זיך טרעפן אין טאג פון די רייזע אן די מינדעסטע מעגליכקייט צו פארן...

**אברהם יצחק:** קלאר. לענינינו, וואזוי פאסט צו זיין 'גרייט'? מיט וואס און וויאזוי גרייט מען זיך אויף דעם טאג?

**משפיע:** אויף דעם דארף מען קודם רעדן וועגן די מהות פון ראש השנה, און דערנאך וועלן מיר וויסן מיט וואספארא פנים און מצב מ'דארף זיין דערין, און אזוי מאכן די ריכטיגע הכנה צום יום הדין.

לאמיר עס זאגן אין קורצן: די מהות פון ראש השנה איז א טאג צו ווערן **נאנט צום אויבערשטן**, און היות ווען מ'געפינט זיך אין א מצב פון קירבת ה' דארף מען זיך פירן אויף א געוויסע פארנעם וואס פאסט דערצו, דערפאר דארף מען זיך אנגרייטן צו דעם.

**אברהם יצחק:** דאס איז ראש השנה? ס'איז דאך א יום הדין, א טאג ווען מ'איז ממליך דעם אויבערשטן, מ'בלאזט שופר כדי זיך צו מעורר זיין צו תשובה... וואס מיינסטו א טאג פון התקרבות צום אויבערשטן...?

### א פחד פון התקרבות צו השי"ת

**משפיע:** לאמיר עס מסביר זיין. די ווערטער שטייט שוין אין ספר הק' יושר דברי אמת (אות נג און ווייטער). כאטש זיינע ווערטער זענען פול מיט פרטים אין וואס מ'קען זיך פארטיפן, אבער לאמיר צוגיין צום שורש הדברים וואס איז אונז נוגע צו פארשטיין די מהות פון דעם טאג.

**אברהם יצחק:** גראדע האב איך שוין אריינגעקוקט אין יושר דברי אמת, איז אדרבא, לאמיר הערן זיין נקודה אויף למעשה.

**משפיע:** פון זיינע ווערטער קומט ארויס, אז די נקודה פון ראש השנה איז, אז **דעמאלטס ווערט די גאנצע בריאה נתעלה צו איר שורש.** די סיבה דערפאר איז, ווייל יעדע יאר אין דעם טאג טוט זיך די גאנצע וועלט פון פריש ערוועקן צו זיין אזויווי זי איז געווען צום ערשטן מאל אין דעם טאג, און בשעת בריאת העולם איז אין דעם טאג געווען א 'צמצום' און 'הסתלקות האור' כדי די וועלט זאל קענען באשאפן ווערן. דאס איז ווייל צוליב דעם אויבערשטנ'ס אומבאגרייפליכן אור איז נישטא קיין מציאות פאר 'נבראים', אבער נאכדעם וואס דער אור ווערט כביכול 'מצומצם' און ווערט 'נסתלק' צוריק צום אויבערשטן, נאר דאן האט די וועלט געקענט קומען אין עקזיסטענץ. און דער זאך חזר'ט זיך איבער יעדן יאר פון פריש, ווייל יעדן יאר ווערט די וועלט א 'נייע בריאה' (די נקודה ווערט ערקלערט אין ליקוטי אמרים תניא אין די אגרות קודש אות יד), און דערפאר יעדן יאר אין דעם טאג, קערט זיך די גאנצע בריאה צוריק צו איר שורש, נעמליך אז זי ווערט נתעלה און דערנענטערט זיך צום אויבערשטנ'ס גרויסן אור. דאס איז דער תמצית און נקודה פון דעם טאג.

**אברהם יצחק:** פאר דו גייסט ווייטער, צוערשט הער איך דא אז די מהות פון ראש השנה מיינט אז די בריאה איז 'חוזר צום שורש'. אפשר קענסטו מיר דאס אביסל מער מסביר זיין? פארוואס איז דאס אונז נוגע?

**משפיע:** ס'איז אונז שוין איינמאל נוגע, ווייל יעדער איינציגער פון אונז ווערט אין דעם טאג נתעלה צו זייער א הויכע מקום, צום פלאץ פון 'ראשית הבריאה', דארט וואו ס'איז געווען 'עלה במחשבה'. דאס איז א מורא'דיגער הויכער פלאץ אין וואס מיר האבן אינגאנצן נישט קיין אהנונג און הבנה. אבער דאס יא, ווי נאר מ'ווערט אזוי שטארק דערהויבן ביז אט דעם מורא'דיגן פלאץ, פאלט אויף אונז א געוואלדיגע פחד, פונקט ווי די שרעק וואס באפאלט א פשוט'ער מענטש וואס טרעט אריין ביי א קעניג אין פאלאץ אדער אין צימער פון א גרויסער צדיק.

**אברהם יצחק:** פארוואס פאלט טאקע אזא פחד? וואס באדייט עס?

**משפיע:** פשוט. **צוערשט** קומט עס פון בושה. דער פשוט'ער מענטש ווייסט דאך וויאזוי ער קוקט אויס, נאר צווישן זיינע פריינט שפירט ער רואיג ביי זיך זייענדיג גלייך מיט יעדן, אבער ווען ער קומט אריין אין א פלאץ וואס איז העכער און מער געהויבן ווי זיין דרגה, פילט ער א בושה, שפירנדיג אומפאסיג פאר דעם ארט, אזויווי א געווענליכער מענטש שעמט זיך ווען אויפאמאל זעצט מען אים אויף מזרח זייט... **צווייטנס**, ווייל ער ווייסט אז זיין התנהגות פאסט נישט פארן צדיק, און יעצט ווען ער קומט אין א פלאץ וואס ער פילט אז ער פאסט דארט נישט אריין, קומען אים ארויף אלע מיני מחשבות פון פחד און בושה אויף זיין אויפפירונג, געפילן וואס ער האט נישט געשפירט ביז יעצט.

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

האט נישט מיט אונזער בחירה! מיר קענען בלויז בעטן און איינרייסן ביים אויבערשטן, אז ער זאל אונז פארשרייבן א גוט געבענטשט יאר. קומט אבער דער הייליגער מגיד און זאגט: דו ווילסט א כתיבה וחתימה טובה? נו, פארשרייב דיר אליינס א גוט יאר! דיין מהלך המחשבה שרייבט אליינס דיין גזר דין אויפן קומענדיגן יאר, צי דו זאלסט זוכה זיין 'לאלתר לחיים', אדער חס ושלום 'לאלתר ל...'. טאמער וועט דיין מחשבה זיין מקושר צום אויבערשטן - וועסטו דיר אנשרייבן א יאר פון 'חיים' - א יאר פון א זיסן קשר מיטן אויבערשטן, און אויב וועסטו זיך חלילה מייאש זיין און אויפגעבן אויף דיין גורל, א בחינה פון **"אֵין לִבּוֹ בִּרְשׁוּתוֹ לָשׁוּב אֶל ה'"** - וועסטו זיך אליינס פארשרייבן א יאר וואס עס שפירט זיך נישט דערין קיין קשר צום אויבערשטן חס ושלום.

די 'עבודת התשובה' פון אלול און ראש השנה איז, אז מיר קערן זיך צוריק צו אונזער אריגינאלער קשר מיטן אויבערשטן! מיר נעמען זיך אריין אין קאפ, אז טראץ אלע ירידות און דורכפעלער פון א גאנץ יאר, וועלן מיר זיך נישט לאזן! מיר וועלן זיך נישט לאזן אריינפאלן אין א יאוש, נאר מיר וועלן גלייבן אז מיר זענען נאכאלץ מקושר, און מיר וועלן צוריק באנייען אונזער קשר צום אויבערשטן - אין אלע אונזערע פעולות פון תורה און מצוות! און דורכדעם וועלן מיר זיך פארשרייבן א גוט געבענטשט יאר בגשמיות, און בעיקר ברוחניות - פול מיט קשר צום אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** און וואס איז מיט דעם וואס מיר ווייסן אז ראש השנה איז א יום הדין און א טאג פון ממליך זיין דעם אויבערשטן? האסט נאכנישט גערעדט דערוועגן.

**משפיע:** ביסט גערעכט, זיכער איז דער טאג א יום הדין, אבער דאס איז א תוצאה פון וואס מיר האבן גערעדט. ווייל די סיבה פארוואס די בריאה ווערט נתעלה, קומט וויבאלד יעדע יאר ווערט די בריאה צוריק נתעורר, און די עליה וואס די בריאה האט צו איר שורש, איז אלס הכנה ס'זאל קענען ווידעראמאל ווערן א 'נייע בריאה'. די זאך אליינס איז מעורר 'דין', ווייל ביי דעם געלעגנהייט אינטערעסירט מען זיך אין הימל און מ'קוקט אריין צי די בריאה איז ווערד צו ווידער באקומען א פרישע חיות. די צדדים דערין ווענדן זיך לויט אונזער מעשים במשך דעם פארגאנגענעם יאר, און מ'איז דן אויף וואספארא פארנעם די בריאה זאל דאס יאר באשאפן ווערן כדי דער מענטש זאל קענען אנקומען צו זיין תכלית, וואס דאס איז צו מגלה זיין כבוד מלכות שמים אויף די וועלט. פארשטייט זיך אז דאס אליינס שאפט א פחד ביים מענטש און ערוועקט אים צו תשובה, צו תיקון המעשים און זיך צו מתחנן זיין ביים אויבערשטן צו רחמנות האבן אויף אים און פסק'ענען לזכות און לחיים.

## דו גייסט יעצט אריין צום קעניג!

**אברהם יצחק:** כ'האב פארשטאנען. אבער די עיקר וואס דו האסט מיר געוואלט אויסקלארן, איז די עצם התקרבות אום ראש השנה, און האסט געזאגט אז מ'דארף זיך צוגרייטן דערויף כדי צו זיין אינעם פאסיגן מצב. דאס פארשטיי איך נאכנישט. וואס דארף איך טון כדי צו זיין אין דעם מצב? וואס דארף איך טון בשעת איך געפין זיך אין היכל המלך?

**משפיע:** **די ערשטע זאך** וואס מ'דארף איז דאס אריינלייגן ביי זיך אין קאפ. **די עצם ידיעה און אנערקענונג אז מיר גייען אריין ביים קעניג אין פאלאץ** ברענגט אונז שוין אריין אין א מצב פון התרוממות און קדושה, ווי אויך צו אויסרייניגן די מח פון יעדע נארישע מחשבה פון גשמיות, שוין אפגערעדט מחשבות, דיבורים און מעשים וואס זענען קעגן דעם קעניג'ס ווילן, און אזוי אויך צו אנפילן דעם מח מיט מחשבות פונעם קעניג'ס גרויסקייט און דערהויבנקייט, און די קשר וואס מיר האבן מיט אים.

**ווען מ'איז זיך נאך מער מתבונן אין דעם**, הייבט מען אן שפירן אז ווען א מענטש קומט אריין צום קעניג, פארלאנגט זיך פון אים אז זיין גאנצע מהות זאל אויסדריקן זיין געטריישאפט צום קעניג, ווייל בשעת מ'געפינט זיך אינדרויסן פונעם פאלאץ צווישן עמך מענטשן, באגעגנט מען זיך מיט אזעלכע וואס ווילן נישט אזוי שטארק דעם קעניג'ס מלוכה, און זענען אויך נישט אזוי געטריי פארן קעניג, אבער ווילאנג זיי ווידערשפעניגן נישט אין אים און פאלגן אויס זיין ווילן, הייסן זיי נאך 'געטרייע בירגער', אבער א מיניסטער אדער באדינער וואס געפינט זיך נאנט צום קעניג, ער מוז אים זיין געטריי מיטן גאנצן הארץ און נשמה, און דעם קעניג'ס מלכות דארף אים אנגיין ביז די טיפסטע סטרונעס פון הארץ, און אויב דערקענט זיך אויף זיינע מעשים אז דעם קעניג'ס כבוד און קעניגרייך אינטערעסירט אים נישט אזוי שטארק, אדער אפילו נאר אויב ס'אינטערעסירט אים אויך אנדערע זאכן, הייסט דאס א הארבע פגם אנטקעגן דעם קעניג. דעריבער, די עיקר הכנה וואס מיר דארפן האבן פארן אריינגיין צום קעניג, איז אריינצוברענגען דעם ענין פון מלכות שמים אין אונזער הארץ און מח, און מעורר זיין אין זיך א רצון און תשוקה אז זיין מלוכה זאל אנטפלעקט ווערן איבער די גאנצע וועלט.

**אברהם יצחק:** טאקע מורא'דיג קלארע ווערטער, אבער איך שפיר זיך נאך ווייט דערפון, כ'בין גענצליך נישט געוואוינט צו טראכטן פון 'מחשבות פון מלוכה' וואס דו רעדסט... איז עס נישט צו הויך פאר מיר?

**משפיע:** אבער דער אמת איז אמת... דאס איז אונזער תכלית, און די תכלית פון די גאנצע בריאה. און כאטש דורכאויסן יאר פארגעסן מיר דערפון, אבער אום ראש השנה אנטדעקט זיך די נקודת האמת פון די בריאה, און אויף דעם טוט מען אונז טאקע דן זיין, מעסטנדיג צי די אמת'ע תכלית איז נתגלה געווארן אין אונז און אויף די בריאה. און די מתנה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן דעם טאג, איז אז מיר האבן דעם כח צו ערוועקן אין אונזער הארץ דעם אמת'ן רצון צו ממליך זיין דעם אויבערשטן, און ווי מער מיר פרובירן דורכאויס דעם טאג צו מעורר זיין אין זיך אונזער רצון צו זיין נאנט און באהאפטן צום אויבערשטן און אים ממליך זיין, אלץ מער ווערט די רצון אריינגעקריצט אין אונזער נפש פארן גאנצן יאר, און דאס אליינס איז ממתיק די דינים פון אונז, ערוועקנדיג דעם רצון העליון צו באשאפן א בריאה חדשה פארן קומענדיגן יאר, און אונז משפיע זיין א גוט געבענטשט יאר.

**אברהם יצחק:** כ'האב דא געהערט נייע זאכן. הייסט אז מיר האבן דא א צוזאמשטעל פון 'דין', 'הסתלקות החיות', 'ממליך זיין דעם אויבערשטן', ''התקרבות צו א הויכער מקום' און א געאייגנטע צייט איינצובאקן אין זיך אן אמת'ע רצון צו קירבת ה'.

**משפיע:** געוואלדיג. האסט עס גוט מסכם געווען. יעצט פארשטייסטו גוט אז אין דעם טאג ווען מיר באקומען נייע חיות, וואס מיינט, אז אונזער אלטע חיות וואס איז געווארן פארגרעבט און מגושם גייט אוועק פון אונז, און מיר באקומען א נייע חיות פון דביקות אינעם אויבערשטן. און דאס אלץ ווענדט זיך אין וויפיל מ'גרייט זיך צו דעם טאג, מ'גרייט זיך שוין פון יעצט מיט אמת'ע מחשבות צו פארבעסערן די מעשים כדי זיי צוצופאסן צום רצון ה'.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**דער עיקר הכנה צום גרויסן טאג ראש השנה איז דורך אהבה וריעות ביי אידישער קינדער**

**הרה"ק ה'תפארת שלמה' זי"ע** (לראש השנה)

# "זאג דיר אליינס סליחות!"

ערנסטע מינוטן אין די געפאקטע פולע בית המדרש אין לעווערטוב.

די צייט איז פארטאגס. מ'האלט ביים ערשטן טאג סליחות. דעם סליחות'ל ליגט שוין פאר יעדער פון די מתפללים. אלע ווארטן מיט שפאנונג פארן יונגן שליח ציבור אנצוהייבן 'אשרי'.

א טשאטשקע פון א יונגערמאן, דער שליח ציבור. יעדער דערקענט א העכערקייט אויף זיין פנים. טאקע דערפאר האבן די ראשי הקהל באשלאסן אים צוצושיקן אלס שליח ציבור פאר סליחות.

רבי לוי יצחק, הייסט ער דער יונגערמאן.

יעדער ווארט, אבער דער יונגערמאן פארזוימט זיך. ער איז פארטראכט.

לאנגע מינוט לויפן פארביי, ביז דער חזן הייבט ענדליך אן מיט זיין זיסע שטימע: "אשרי יושבי ביתך"...

"אשרי יושבי ביתך", הייבט דער גאנצער עולם אן מיט התעוררות.

"...מעתה ועד עולם, הללוקה". די הונדערטער מתפללים ענדיגן דעם קאפיטל, ווארטנדיג פארן ש"ץ זאל אויפפלאמען זייערע הערצער מיט א בארדיטשוב'ער קדיש.

"**לוי יצחק איז נישט דיין נאר!**", ווערט דער ציבור ערשטוינט צו הערן, ווען דער חזן אנשטאט ענדיגן דעם 'אשרי', נעמט זיך אויסזידלען איינעם: "**ביסט יא א חסיד, און א למדן אויך! און א חכם און א ירא שמים! און אויך האסטו זיך געוואלגערט ביים רבי'ן! נו, טרעט איך דיר אפ דעם עמוד, נעם דיר דעם טלית, און זאג סליחות!**". מיט די ווערטער נעמט ער אראפ זיין טלית, לייגט עס אויפן עמוד און טרעט אוועק.

דער רב פון בית המדרש באוועגט זיך מיט אומבאקוועמליכקייט, די ראשי הקהל ווארפן צווישן זיך פארוואונדערטע בליקן און די פשוט'ע עמך ערלויבן זיך דעם געדאנק: דער דערהויבענער יונגערמאן איז פארט אריין אין צו גרויסע שיך, ס'האט אים נישט געטויגט...

די גבאים'ס תחנונים ווירקן נישט. דער יונגערמאן האלט זיך ביי זיינס. און גייט זיך צו זיין ווינקל זאגן סליחות מיט אלעמען גלייך.

צווישן די מתפללים געפינט זיך דעם יונגערמאן'ס שווער. ער קען נישט דורכטראגן די בזיונות. מיט גרויס פארדרוס פאדערט ער א קלארע ערקלערונג פון זיין הייליגן איידעם אויף די געפערליכע בושות וואס ער האט היינט מיטגעמאכט צוליב אים.

מפני הכבוד אנטפלעקט זיי רבי לוי יצחק אביסל פון זיין געהויבענע וועלט: "אנקומענדיג צום עמוד, האב איך שטארק מורא געהאט פון גאוה. דערפאר האב איך געגנישטערט אין יעדן ווינקל אין הארץ און מח צו אויסראמען סיי וואספארא שמעק פון גיאות. כ'האב געזוכט און געזוכט, נישט וואוסנדיג צי איך קען אנהייבן סליחות".

"פלוצלונג הער איך ווי א קול זאגט מיר: "לוי יצחק, וואס איז מיט דיר? דער קהל ווארט אויף דיר אנצוהייבן סליחות, פונקט יעצט האסטו געטראפן צייט זיך אפצוגעבן מיט גאוה און ענוה?!".

איך עפן מיינע אויגן און דערקען אים: יא, ס'איז ער... דער בעל-דבר שטייט נעבן מיר ביים עמוד... "וואס זוכסטו דא?", שריי איך אים אן, "אויך פאר סליחות, ווען יעדער איד האט אן התעוררות, ארבעטסטו אן דיינע מעשים?".

"כ'בין דיר נישט געקומען שטערן...", ענטפערט ער מיר מיט א ציניש שמייכל, "כ'בין געקומען מיטזאגן סליחות מיט דיר...".

"וואס האב איך מיט דיר איינגעלייגט?", פרעג איך אים, אויף וואס ער לאכט מיר צוריק אין פנים, "עס פאסט דיר נישט צו זאגן סליחות מיט מיר, מיר זענען דאך אבער שטענדיג צוזאמען...".

"זאג איך אים: צומאל יא, אבער נישט אייביג און איבעראל, און זיכער נישט ביים זאגן סליחות!". אבער ער איז ביי זיינס: "שטענדיג בין איך מיט דיר!".

דער ויכוח האט זיך געצויגן לענגאויס דעם גאנצן 'אשרי'...

**ווען איך האב זיך ממית געווען באהלה של תורה, האסטו געוואוינט מיט מיר?** "וואספארא שאלה? א גאנצן צייט... לאמיר דיר נאך דערמאנען די וואונדערליכע חידושים וואס מיר האבן מחדש געווען אינאיינעם...".

**און ווען כ'האב זיך מסתופף געווען ביי די צדיקי הדור, ביסטו מיר אויך געווען א שותף?** "זיכער! איך בין מיט דיר מיטגעגאנגען וואו אימער... יעדן סיגוף, יעדע מדריגה, עבודה אדער השגה וואס דו האסט זיך איינגעקויפט, האב איך דיר דערמיט צוגעהאלפן...

דער שטן ענדיגט מיר נישט אריינשניידן. "הער שוין אויף דעם וויכוח, פאר קיין סעקונדע האב איך זיך נישט אפגעטשעפעט פון דיר! אין מיין זכות האסטו דערגרייכט די אלע השגות! לאמיר צוזאמען זאגן סליחות! צוזאמען מאכן א רעש אין הימל און דא אונטן... נו, הייב שוין אן 'יתגדל...'.

"ווייי איז מירו!", זעצט פאר דער בארדיטשובער זי"ע, וואס האט נאך אלס יונגערמאן עספיעט זיך צו הייבן צו געהויבענע מדריגות פון ריינקייט דק מן הדק. "כ'האב זיך גוט באטראכט, ביז כ'האב איינגעזען אז ער איז גערעכט!".

ווי א גנב האט ער געוואלט מיטטיילן מיין עבודה אלע יארן, אבער מיטן אויבערשטנ'ס הילף אז עס איז מיר יעצט קלאר געווארן, האב איך זיך געהיילט אפצוטרייסלען פון אים, זאגנדיג: "**ביסט יא א חסיד, און א למדן אויך! און א חכם און א ירא שמים! און אויך האסטו זיך געוואלגערט ביים רבי'ן, נו, טרעט איך דיר אפ דעם עמוד, נעם דיר דעם טלית, און זאג סליחות!**". איך קען נישט אן דיר, אבער דו קענסט אן מיר...

נאר ביז צענדליגער יאר שפעטער, ווען דער בארדיטשובער זי"ע איז שוין געווען רב אין זעליחוב, האט ער ענדליך איינגעשטימט זיך צו שטעלן פארן עמוד ביי ימים נוראים...

מקור: במעונות אריות